Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat

פּרייז 20 גראָשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע פּאָליטיש - געזעלשאַפטליכע טאָג - צייטונג

| Nr. 14 (1007) | Łódź, Poniedziałek 17 Stycznia 1927 | פינפטער יאהרגאַנג | לאָדז, מאָנטאָג יד שבט תרפ"ז. | Nr. 14 (1007) |
|---|---|---|---|---|

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71 || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel 24-71

# אויסערגעוו. זיצונג פון ציוניסט. פּאַרטיי-ראַט

# מאַרקס שאַפט דעם נייעם דייטשען קאַבינעט.

## מאַרקס שאַפט דעם נייעם דייטשען קאַבינעט.

בערלין, 16 (ספּ. טעל.) אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס פּרעזידענט הינדענבורג האָט איבערגעבען די מיסיע צו שאַפען אַ קאַבינעט דעם פריהערדיגען קאַנצלער מאַרקס, שמועסט מען אין די פּאָליטישע קרייזען, אַז מאַרקס'עס קאַבינעט וועט באַשטעהן פון פאַרשטעהער פון די בירגערליכע און דייטש-נאַציאָנאַלע גרופּירונגען.

## איבעריסען דער אָפּמאַך

צווישען דעם אמעריקאַנער האַרימאַן און די סאָוויעטען-רעגירונג.

מאָסקווע, 16 (ספּ. טעל.) דער פאַרשטעהער פון אַמעריקאַנער צינק-סינדיקאַט האַרימאַן האָט איבערגעריסען דעם אָפּמאַך מיט דער סאָוויעטען-רעגירונג וועגען עקספּלואַטירען די צינק-רודעס אין דרום-רוסלאַנד און פאַרלעגען אַ הין אַ באַהן-ליניע.

האַרימאַן האָט שוין געהאַט גענומען ביי דער סאָוויעטען מאַכט 4 מיליאָן דאָלאַר. נאָר ווייל די אַרבייט דאַרף קאָסטען 6 מיליאָן, האָט ער געבעטען איהם צו באַפרייען פון די התחייבות'ן.

## פאַרשטאַרקטע מיליטער מאַכט אויפ'ן אינזעל יאַוואַ.

לאָנדאָן, 16 (אַ.ט.ע.) דער קאָמענדאַנט פון האָלענדישען מיליטער אויפ'ן אינזעל יאַוואַ האָט באַשלאָסען צו פאַרגרעסערן דאָך פרייוויליגע מיליטער מיט נאָך 12 טויזענד מאַן און אָרגאַניזירען אַ מיליץ פון 15 טויזענד מאַן.

דאָס מיליטער וועט שטעהן אין צענטער, וועלכע זענען אַממייסטען באַדראָהט דורך די אויפשטענדיגע.

## ביאַליסטאָקער טעקסטיל-אַרבייטער פאָדערן 40 פּר. הוספה.

ביאַליסטאָק, 16 (טעלעפאָניש). די ביאַליסטאָקער טעקסטיל-אַרבייטער האָבען אַרויסגעשטעלט לוין פאָדערונגען פון 40 פּראָצענט, דראָהענדיג מיט אַ שטרייק, אויב זייערע פאָדערונגען וועלען נישט נאָכגעגעבען ווערען.

גלייכצייטיג האָבען זיך די ביאַליסטאָקער טעקסטיל-אַרבייטער געווענדעט צו די טעקסטיל-פאַראיינען אין די אַנדערע שטעדט וועגען אַ געמיינזאַמער אַקציע.

וואַרשאַ, 16 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט האָט זיך אין וואַרשאַ אָנגעהויבען אַן אויסערגעוועהנליכע זיצונג פון ציוניסטישען פּאַרטיי-ראַט.

ס'איז געהאַלטען געוואָרען אַ רעפּעראַט וועגען דער טעטיגקייט פון צענטראַל-קאָמיטעט און וועגען דער לאַגע אין די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס.

קיין גענויער באַריכט פון דער זיצונג איז נאָך נישט באַקאַנט, ווייל די זיצונגען זענען נישט קיין עפענטליכע און דויערן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

פון די 49 מיטגלידער פון פּאַרטיי-ראַט זענען געקומען 39.

*

ווי מיר דערוויסען זיך, איז די אויסערגעוועהנליכע זיצונג פון ציוניסטישען פּאַרטיי-ראַט צוזאַמענגערופען געוואָרען צוליב דער אָפּגעשוואַכטער לאַגע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילען און דער שלעכטער מאַטעריעלער לאַגע אין די אָרגאַניזאַציעס.

אויף דער זיצונג פון פּאַרטיי ראַט זענען אויך געמאַכט געוואָרען פּרובען פון אַ פאַרשטענדיגונג צווישען די ריכטונגען „על המשמר" און „עת לבנות".

„די שוואַרצע כריזאַנטעמע"

די געהיימע היילען פון טאָקיאָ און נאַגאַסאַקי -
און די בלענדענדע דאַנסינגס פון וואַרשע, בערלין און פּאַריז,

די עקזאָטישע תאוות פון מזרח -
און די ראַפינירטע אויסגעלאַסענקייט פון מערב,

די סודות פון יאַפּאַנישען קייזערליכען הויף -
און פאַרבאָרגענע ווינקלען פון די אייראָפּעאישע פּאַלאַצען...

אַן'אָטעם-פאַרכאַפּענדער פילם — איז אונזער נייער ראָמאַן

„די שוואַרצע כריזאַנטעמע"

צווישען די 100 פּרעמיעס,
וועלכע „נייער פאָלקסבלאַט" גיט אין דעם

ראָמאַן-פּרעמיען-קאָנקורס

געפינען זיך

30 אַריינטריטס-קאַרטען אויפ'ן גראַנדיעזען
מאַסקען-באַל פון דער יודישער פּרעסע!!!

## 200 גרויס-אינדוסטריעלער און סוחרים קיין א"י.

דאַנציג, (ספּ. טעל.) די היגע אַקציען-געזעלשאַפט פאַר'ן האַנדעל צווישען אייראָפּאַ מיט דעם מזרח, מאַכט פאָרבערייטונגען צום אָרגאַניזירען אַן עקסקורסיע צום אָריענט. אין וועלכער ס'זאָלען זיך באַטייליגען ביז 200 גרויס-אינדוסטריעלער און סוחרים פון דאַנציג, פּוילען, דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיען און עסטרייך.

די עקסקורסיע וועט באַזוכען ארץ-ישראל, סיריען און עגיפּטען, כדי זיך צו באַקענען מיט'ן ווירטשאַפטליכען לעבען אין די אָריענטאַלישע לענדער.

אין ארץ-ישראל, און בכלל אין די מזרח לענדער, וועלען די עקסקורסאַנטען באַגלייט-ווערען פון פאָרטרעטער פון דער ארץ-ישראל האַנדעלס - געזעלשאַפט „מסחר ותעשיה", וועלכע וועלען געבען אַלע נויטיגע אינפאָרמאַציעס, וואָס זענען נויטיג ביים אָנקניפּען האַנדעלס-באַציהונגען צווישען אייראָפּאַ און דעם מזרח.

גלייכצייטיג ווערען געמאַכט פאַרבערייטונגען צו דער ערעפענונג פון אַן אייראָפּעאישע אויסשטעלונג אין תל-אביב, אַלס צענטער פאַר די לענדער פון נאָהענטען מזרח. אויף דער אויסשטעלונג וועלען אויך זיין פאַרטרעטען אַ רייהע האַנדעלס-און אינדוסטריעלער אונטערנעהמונגען אין פּוילען.

## עקספּלאָזיע אין אַן עלעקטראָווניע נעבען בערלין.

בערלין, 16 (א.ט.ע.) אין ווילמערסדאָרף, נעבען בערלין, האָט עקספּלאָדירט די עלעקטראָווניע.

נעבען דער עקספּלאָדירטער עלעקטראָווניע געפינט זיך דאָס הויז, אין וועלכען ס'וואוינט די פּוילישע האַנדעלס-דעלעגאַציע. קיינעם האָט אָבער נישט געשאַדט, ס'זענען בלויז אַרויסגעפאַלען די שויבען.

---

## שטיצט דעם היינטיגען אָבצייכנונגס-טאָג פון „תומכי אורחים".

דער הילפס-פאַראיין „תומכי אורחים" גיט אויף יעדען שבת אַרויס געלד אונטערשטיצונגען און אויסערדעם ווערט שוין אין די נאָהנטסטע טעג געעפענט אַ אומזיסטע קוך ביי „תומכי אורחים" עס איז דעריבער זעהר געוואונשען, צו קויפען אַ אָבצייכנונג פון „תומכי אורחים", אום דערמיט מיטצוהעלפען, אַז די וויכטיגע אינסטיטוציע זאָל ווייטער קענען ערפילען איהרע פליכטען, אין די פאַרוואַלטונג, וועלכע אַרבייט אונערמידליך זאָל קענען די טעטיגקייט פון „תומכי אורחים" פיל פאַכיג פאַרברייטערן.

